# דער בריוו צו די גאַלאַטער

א פּאָולוס, אַ שליח, ניט פֿון מענטשן, אויך ניט דורך אַ מענטשן,
נייערט דורך ישוע המשיח, און גאָט דעם פֿאָטער, וואָס האָט
אים מחיה־מתים געווען, און אַלע ברידער, וואָס זענען מיט מיר, 2
צו די קהילות פֿון גאַלאַטיע. חסד צו אייך און שלום פֿון גאָט, 3
דעם פֿאָטער און אונדזער האַר ישוע המשיח, וואָס האָט זיך 4
מקריב געווען פֿאַר אונדזערע זינד, כּדי ער זאָל אונדז מציל
זיין פֿון דער איצטיקער שלעכטער תּקופֿה, לויט נאָך דעם רצון
פֿון אונדזער גאָט און פֿאָטער; וועמען סע געהערט דער כּבֿוד 5
לעולם ועד. אָמן. איך וואונדער מיך, וואָס איר ווערט אַזוי 6
גיך אָפּגעקערט פֿון אים, וואָס האָט אייך באַרופֿן אין דעם חסד
פֿון משיחן, צו אַן אַנדערער בשׂורה טובֿה, וואָס איז ניט קיין 7
אַנדערע, נייערט עס זענען פֿאַראַן טייל, וואָס באַאומרואיקן אייך,
און וואָס וואָלטן וועלן פֿאַרדרייען די בשׂורה טובֿה פֿון משיחן.
נאָר הגם מיר, אָדער אַ מלאך פֿון הימל, זאָלן אייך אָנזאָגן אַ 8
בשׂורה טובֿה, אַנדערש ווי יענע, וואָס מיר האָבן אייך אָנגעזאָגט,
זאָל ער זיין אין חרם. ווי מיר האָבן פֿריער געזאָגט, אַזוי זאָג 9
איך אַצינד ווידער אַמאָל: אויב עמיצער זאָגט אייך אָן אַ בשׂורה
טובֿה, אַנדערש ווי יענע, וואָס איר האָט מקבל געווען, זאָל
ער זיין אין חרם. וואָרים צי זוך איך אַצינד די הסכּמה פֿון 10
מענטשן, אָדער פֿון גאָט? אָדער זוך איך וואוילצוגעפֿעלן ווערן
מענטשן? אויב איך וואָלט נאָך וועלן געפֿעלן ווערן מענטשן,
וואָלט איך ניט געווען קיין קנעכט פֿון משיחן. וואָרים איך בין 11
אייך מודיע, ברידער, אַז די בשׂורה טובֿה, וואָס איז דורך מיר
אָנגעזאָגט געוואָרן, איז ניט לויט אַ מענטשן. וואָרים ניט איך 12
האָב זי מקבל געווען פֿון אַ מענטשן, אויך האָט מען מיך זי ניט
געלערנט, נייערט געקומען איז זי צו מיר דורך אַן אַנטפּלעקונג
פֿון ישוע המשיח. וואָרים איר האָט געהערט פֿון מיין פֿריערדיקן 13
לעבנסשטייגער

לעבנסשטייגער אין דעם ייִדישן דַת, וויאַזוי איך האָב שטאַרק
14 גערודֶפט די קהִילה פֿון גאָט, און זי חָרוב געמאַכט; און איך
בין געשטיגן אין דעם ייִדישן דַת העכער פֿון אַ סך פֿון מיין
דור צווישן מיינע לאַנדסלייט, ווייל איך בין געווען אַ סך מער
15 קַנָאי פֿאַר די מְסוֹרָה פֿון מיינע אָבות. בעת אָבער עס איז
ווילגעפֿעלן געוואָרן גאָט, וואָס האָט מיך אויסגעשיידט פֿון
16 מיין מוטערטראַכט, און האָט מיך דורך זיין חֶסֶד באַרופֿן צו
אַנטפּלעקן אין מיר זיין זון, כּדי איך זאָל דרשענען די בשׂורה
טובה פֿון אים צווישן די פֿעלקער, האָב איך תּיכּף מיך ניט
17 באַראָטן מיט קיין בָשׂר־וָדָם; אויך בין איך ניט אַרויפֿגעגאַנגען
קיין ירושָלַיִם צו די, וואָס זענען געווען שלִיחים פֿאַר מיר, נייערט
איך בין אַוועקגעגאַנגען קיין אַראַביע, און ווידער אַמאָל האָב איך
18 מיך אומגעקערט קיין דַמֶשֶׂק. דערנאָכדעם, אין דריי יאָר אַרום,
בין איך אַרויפֿגעגאַנגען קיין ירושָלַיִם, כּדי זיך צו זען מיט כֵּיפָאן,
19 און בין פֿאַרבליבן מיט אים פֿופֿצן טעג. און קיין אַנדערן פֿון די
שלִיחים האָב איך ניט געזען, אַחוץ יַעקֹבן, דעם האַרס ברודער.
20 און בנוֹגֵע דעם, וואָס איך שרייב אייך – פֿאַר גאָט זאָג איך ניט
21 קיין ליגן. דערנאָך בין איך געקומען אין די מקוֹמות פֿון סיריע
22 און קיליקיע. און איך בין נאָך געווען אומבאַקאַנט פָּנים־אֶל־פָּנים
23 צו די קהִילות פֿון יהודה, וואָס זענען געווען אין מָשיחַן. זיי האָבן
נאָר געהערט זאָגן: דער, וואָס האָט אונדז פֿריער גערודֶפט,
24 דַרשענט אצינד די אֱמונה, וואָס ער האָט פֿריער צעשטערט; און
זיי האָבן געלויבט גאָט פֿון מייַנעטוועגן.
ב דערנאָכדעם, נאָך פֿערצן יאָר בין איך ווידער אַמאָל
אַרויפֿגעגאַנגען קיין ירושָלַיִם מיט בַר־נַבָאן, און האָב אויך
2 מיטגענומען טיטוסן מיט מיר. און איך בין אַרויפֿגעגאַנגען דורך
אַן אַנטפּלעקונג, און האָב זיי פֿירגעלייגט די בשׂורה טובה,
וואָס איך דַרשען צווישן די אומות־הָעולָם, באַזונדער אָבער פֿאַר
די, וואָס זענען געווען פֿון חַשִיבות, כּדי איך זאָל חָלִילה ניט
3 לויפֿן, אָדער האָבן געלאָפֿן, אומזיסט. און אַפֿילו טיטוס, וואָס
איז

איז געווען מיט מיר, הַגם אַ גוי, איז ניט געצוואונגען געוואָרן
4 געמַלט צו ווערן. אָבֿער צוליבֿ די אַרײַנגעבראַכטע פֿאַלשע
בֿרידער, וואָס זענען בסוד אַרײַנגעקומען אויסצושפּירן אונדזער
פֿרײַהייט, וואָס מיר האָבֿן אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, כּדי זיי זאָלן אונדז
5 בֿרענגען צו קנעכטשאַפֿט, — צו וועמען מיר האָבֿן זיך אויך ניט
אונטערטעניק געמאַכט, אַפֿילו ניט אויף אַ שָעה, כּדי דער אֶמת
6 פֿון דער בשׂורה טובֿה זאָל פֿאַרבלײַבֿן מיט אײַך. פֿון יענע
אָבֿער, וואָס זענען געווען אָנגעזען (וואָס זיי זענען געווען, איז ניט
מײַן עֵסק; גאָט איז קיינעם ניט נושׂא־פָּנים) — די, זאָג איך, וואָס
7 זענען געווען פֿון חַשיבֿות, האָבֿן מיר גאָרניט צוגעטיילט; נײַערט
פֿאַרקערט, בעת זיי האָבֿן געזען, אַז איך בין אָנפֿאַרטרויט
געוואָרן מיט דער בשׂורה טובֿה פֿאַר די עָרלים, אַזוי ווי כֵּיפָא
8 פֿאַר די געמאַלטע (וואָרים דער, וואָס האָט געווירקט אין כֵּיפָאן
פֿאַר דער שליחות פֿון די געמַלטע, האָט אויך געווירקט אין מיר
9 פֿאַר די גויִים), און בעת זיי האָבֿן באַמערקט דעם חֶסֶד, וואָס
איז מיר געגעבֿן געוואָרן, האָבֿן יַעקבֿ און כֵּיפָא און יוחָנָן, וואָס
זענען געווען פֿאַררעכנט פֿאַר זײַלן, מיר און בַּר־נַבָאן געגעבֿן
די רעכטע האַנט פֿון בֿרודערשאַפֿט, כּדי מיר זאָלן גיין צו די
10 גויִים, און זיי צו די געמַלטע; נאָר זיי האָבֿן געוואָלט, אַז מיר
זאָלן געדענקען די אָרעמע, וואָס איך האָבֿ מיך אויך באַמיט צו
11 טאָן. בעת אָבֿער כֵּיפָא איז געקומען קיין אַנטיאָכיע, האָבֿ איך
מיך אים אין פָּנים אַנטקעגנגעשטעלט, מַחמת ער איז געשטאַנען
12 פֿאַרמִשפּט. וואָרים איידער עטלעכע זענען געקומען פֿון יַעקבֿן,
האָט ער געגעסן מיט די גויִים; אָבֿער ווי נאָר זיי זענען געקומען,
האָט ער זיך צוריקגעצויגן און האָט זיך אָפּגעשיידט, ווײַל ער
13 האָט מורא געהאַט פֿאַר די געמַלטע. און די איבֿעריקע פֿון
די ייִדן האָבֿן זיך אויך פֿאַרשטעלט מיט אים, אַזוי, אַז אַפֿילו
14 בַּר־נַבָא איז פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון זייער צבֿיעות. בעת אָבֿער
איך האָבֿ געזען, אַז זיי האַנדלען ניט רעכטפֿאַרטיק לויט דעם
אֶמת פֿון דער בשׂורה טובֿה, האָבֿ איך געזאָגט צו כֵּיפָאן פֿאַר
זיי

זיי אַלעמען: אויב דו, וואָס ביסט אַ ייִד, לעבסט ווי סע זענען
זיך נוהג די גויים, און ניט ווי די ייִדן, וויאַזוי צווינגסטו די גויים
15 צו לעבן, אַזוי ווי ייִדן זענען זיך נוהג? מיר, וואָס זענען ייִדן פֿון
16 דער נאַטור, און ניט קיין זינדיקע פֿון די גויים, ווייסן, אַז אַ מענטש
ווערט ניט גערעכטפֿאַרטיקט דורך די מעשׂים פֿון דער תּורה,
נייערט דורך דער אמונה אין יֵשוּעַ המָשיחַ, אַזוי האָבן אויך מיר
געגלויבט אין יֵשוּעַ המָשיחַ, כּדי מיר זאָלן גערעכטפֿאַרטיקט
ווערן דורך אמונה אין מָשיחן, און ניט דורך די מעשׂים פֿון דער
תּורה, מחמת דורך די מעשׂים פֿון דער תּורה וועט קיינער ניט
17 גערעכטפֿאַרטיקט ווערן. אויב אָבער מיר, בעת מיר האָבן
געזוכט גערעכטפֿאַרטיקט צו ווערן אין מָשיחן, זענען אַליין אויך
געפֿונען געוואָרן זינדיקע, איז דען מָשיחַ אַ דינער פֿון זינד?
18 חלילה! וואָרים אויב איך בוי ווידער אויף דאָס, וואָס איך האָב
19 צעשטערט, שטעל איך מיך אַרויס פֿאַר אַ בעל־עבֿירה. וואָרים
איך בין דורך דער תּורה געשטאָרבן פֿאַר דער תּורה, כּדי איך
20 זאָל לעבן פֿאַר גאָט. איך בין געקרייציקט געוואָרן מיט מָשיחן;
און דאָס איז ניט מער איך, וואָס לעב, נייערט מָשיחַ לעבט אין
מיר, און דאָס לעבן, וואָס איך לעב אַצינד אין דעם לײַב, לעב
איך באמונה פֿון דעם בן־אלהים, וואָס האָט מיך ליב געהאַט, און
21 האָט זיך מקריב געווען פֿאַר מיר. איך בין ניט מבטל דעם חסד
פֿון גאָט; וואָרים אויב גערעכטיקייט איז דורך דער תּורה, דאַן
איז מָשיחַ געשטאָרבן אומזיסט.

ג אָ נאַרישע גאַלאַטער! ווער האָט אײַך פֿאַרכּישופֿט, פֿאַר
וועמעס אויגן יֵשוּעַ המָשיחַ איז אָפֿן געצייכנט געוואָרן אַ
2 געקרייציקטער? נייערט דאָס וואָלט איך וועלן לערנען פֿון
אײַך: האָט איר מקבל געווען דעם גייסט דורך די מעשׂים פֿון
3 דער תּורה, אָדער דורך דער שמועה פֿון אמונה? צי זענט איר
אַזוי נאַריש? אָנגעהויבן האָט איר אין דעם גייסט, פֿאַרענדיקט
4 איר אַצינד אין דעם פֿלייש? צי האָט איר אומזיסט אַזויפֿיל
5 געליטן? אויב באמת אומזיסט! וואָרים דער, וואָס גיט אײַך

דעם

דעם גייסט, און טוט גבֿורות צווישן אײַך, צי טוט ער דאָס
דורך די מַעשׂים פֿון דער תּורה, אָדער דורך דער שמועה פֿון
6 אֶמונה? אַזוי ווי אַבֿרָהם האָט געגלייבט אין גאָט, און עס איז
7 אים פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר גערעכטיקייט. אַזוי זעט איר, אַז
די, וואָס זענען פֿון דער אֶמונה, די דאָזיקע זענען קינדער פֿון
8 אַבֿרָהמען. און די תּורה, ווײַל זי האָט פֿאַרויסגעזען, אַז גאָט
וועט רעכטפֿאַרטיקן די גויים דורך אֶמונה, האָט פֿאָרויסגעזאָגט
די בשׂורה טובֿה צו אַבֿרָהמען: אין דיר וועלן אַלע אומות זײַן
9 געבענטשט. הייסט עס דעריבער, אַז די, וואָס זענען פֿון דער
10 אֶמונה, זענען געבענטשט מיט דעם מַאמין אַבֿרָהם. וואָרים
אַלע, וואָס פֿאַרלאָזן זיך אויף די מַעשׂים פֿון דער תּורה, זענען
אונטער אַ קְלָלה; וואָרים סע שטייט געשריבן: פֿאַרשאָלטן איז
יעדער איינער, וואָס באַשטייט ניט אין אַלצדינג, וואָס סע שטייט
11 געשריבן אין דעם סֵפֶר תּורה, צו טאָן עס. הײַנט, אַז קיינער
וועט ניט גערעכטפֿאַרטיקט פֿאַר גאָט דורך דער תּורה, איז
12 קלאָר; וואָרים: דער צַדיק וועט לעבן דורך אֶמונה. און די תּורה
איז ניט פֿון אֶמונה, נייערט: דער, וואָס איז זי מקַיים, וועט לעבן
13 אין איר. מָשיחַ האָט אונדז אויסגעלייזט פֿון דער קְלָלה פֿון דער
תּורה, בעת ער איז געוואָרן אַ קְלָלה פֿאַר אונדז. וואָרים סע
שטייט געשריבן: פֿאַרשאָלטן איז יעדער איינער, וואָס הענגט
14 אויף אַ בוים, ־ כּדי אויף די אומות־הָעולָם זאָל קומען די בּרָכה
פֿון אַבֿרָהמען אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, און כּדי מיר זאָלן מקַבל זײַן די
15 הַבטָחה פֿון דעם רוחַ־הקודש דורך אֶמונה. ברידער, איך רעד
לויט דעם שטייגער פֿון מענטשן: הַגם עס איז נאָר אַ מענטשנס
צוואָה, אויב זי איז באַשטעטיקט געוואָרן, קאָן קיינער זי ניט
16 מבַטל זײַן, אָדער עפּעס צוזעצן צו איר. און צו אַבֿרָהמען זענען
די הַבטָחות געגעבן געוואָרן, און צו זײַן זאָמען. ער זאָגט ניט:
און צו זאָמען, ווי פֿון אַ סך, נייערט ווי פֿון איינעם: און צו דײַן
17 זאָמען, וואָס איז מָשיחַ. און דאָס זאָג איך: אַ בונד, וואָס איז
פֿריער באַשטעטיקט געוואָרן דורך גאָט, קאָן די תּורה, וואָס איז

געקומען פֿיר הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער, ניט בָּטל
18 מאַכן, אַזוי, אַז די הַבטָחה זאָל קיין קִיום ניט האָבן. וואָרים אויב
די ירושה איז פֿון דער תּורה, איז זי ניט מער פֿון דער הַבטָחה;
אָבער גאָט האָט זי געשענקט אַבְרָהמען דורך דער הַבטָחה.
19 בכֵן, וואָס איז די תּורה? זי איז צוגעגעבן געוואָרן פֿונוועגן די
עֲבֵירות, ביז דער זאָמען וועט קומען, פֿאַר וועמען די הַבטָחה איז
געגעבן געוואָרן: און זי איז אָנגעברייט געוואָרן דורך מַלאָכים
20 פֿון דער האַנט פֿון אַ פֿאַרמיטלער. און אַ פֿאַרמיטלער איז
21 ניט פֿון איינעם; גאָט אָבער איז איינער. צי איז דען די תּורה
קעגן די הַבטָחות פֿון גאָט? חָלִילָה! וואָרים אויב סע וואָלט
געגעבן געוואָרן אַ תּורה, וואָס וואָלט געקענט מאַכן לעבעדיק,
דעמאָלט וואָלט רעכטפֿאַרטיקייט באֱמת געווען פֿון דער תּורה.
22 דער פָּסוק האָט אָבער אַלצדינג פֿאַרשלאָסן אונטער זינד, כּדי
די הַבטָחה דורך אֱמונה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל געגעבן ווערן צו
23 די, וואָס גלויבן. אָבער איידער אֱמונה איז געקומען, זענען מיר
געהאַלטן געוואָרן אין שוץ אונטער דער תּורה, איינגעשלאָסן
24 פֿאַר דער אֱמונה, וואָס האָט געדאַרפֿט אַנטפּלעקט ווערן. אַזוי,
אַז די תּורה איז געוואָרן אונדזער דערציִער צום מְשִיחַ, כּדי מיר
25 זאָלן גערעכטפֿאַרטיקט ווערן דורך אֱמונה. אַצינד אָבער, אַז
אֱמונה איז געקומען, זענען מיר ניט מער אונטער אַ דערציִער.
26 וואָרים איר אַלע זענט קינדער פֿון גאָט דורך אֱמונה אין יֵשוּעַ
27 הַמָשִיחַ. וואָרים וויפֿל פֿון אײַך סע זענען געטובֿלט געוואָרן אין
28 מָשִיחַן, האָבן זיך אָנגעטאָן מָשִיחַן. ניטאָ קיין ייִד אָדער גוי, ניטאָ
קיין קנעכט אָדער פֿרייַער, ניטאָ קיין זָכָר אָדער נקֵבה; וואָרים
29 איר אַלע זענט איינס אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. און אויב איר געהערט
מָשִיחַן, זענט איר דערפֿאַר אַבְרָהמס זאָמען, יורשים לויט דער
הַבטָחה.

ד איך זאָג אָבער, אַז כָּל־זמַן דער יורש איז אַ קינד, אונטערשיידט
ער זיך מיט גאָרניט פֿון אַ קנעכט, הַגַם ער איז האַר פֿון אַלץ;
2 נייערט ער איז אונטער אַפּוטרופּסים און אויפֿזעערס ביז צו דער

3 צייט, וואָס איז באַשטימט פֿון דעם פֿאָטער. אַזוי אויך מיר,
בעת מיר זענען געווען קינדער, זענען מיר געהאַלטן געוואָרן אין
4 קנעכטשאַפֿט אונטער די ערשטע יסודות פֿון דער וועלט. בעת
אָבער די צייט איז געוואָרן דערפֿילט, האָט גאָט אַרויסגעשיקט
5 זיין זון, געבוירן פֿון אַ פֿרוי, געבוירן אונטער דער תּורה, אַז ער
זאָל אויסלייזן די, וואָס זענען געווען אונטער דער תּורה, כּדי מיר
6 זאָלן מקבּל זיין דאָס רעכט פֿון קינדער. און ווייל איר זענט
קינדער, האָט גאָט אַרויסגעשיקט דעם גייסט פֿון זיין זון אין
7 אונדזערע הערצער אַריין, וואָס רופֿט: אַבּאַ, פֿאָטער! אַזוי, אַז דו
ביסט ניט מער קיין קנעכט, נייערט אַ זון; און אויב אַ זון, טאָ
8 אַ יורש דורך גאָט. אָבער דעמאָלט, בעת איר האָט גאָט ניט
געקענט, זענט איר געווען אין קנעכטשאַפֿט בײַ די, וואָס זענען
9 אין זייער עצם ניט קיין געטער. אַצינד אָבער, בעת איר קענט
גאָט, אָדער ליבער, איר זענט דערקענט פֿון גאָט, וויאַזוי קערט
איר אייך אום צוריק צו די שוואַכע און אָרעמע יסודות, צו וועלכע
10 איר באַגערט צו זיין אין קנעכטשאַפֿט אויפֿסנײַ? איר היט אָפּ
11 טעג, און חדשים, און זמנים, און יאָרן. איך האָב מורא פֿונוועגן
אייך, טאָמער חלילה האָב איך אומזיסט אַוועקגעשאָנקען מי
12 אויף אייך. איך בעט אייך, ברידער, ווערט ווי איך בין, וואָרים
אויך איך בין געוואָרן ווי איר זענט. איר האָט מיר ניט געטאָן
13 קיין שום שלעכטס; איר ווייסט, אַז מחמת אַ שוואַכקייט אין
דעם לײַב האָב איך געדרשנט פֿאַר אייך די בשׂורה טובה
14 דאָס ערשטע מאָל; און דאָס, וואָס איז בײַ אייך געווען אַ
שווערקייט אין מיין לײַב, האָט איר ניט פֿאַראַכט און ניט
פֿאַרוואָרפֿן, נייערט איר האָט מיך מקבּל געווען ווי אַ מלאך פֿון
15 גאָט, ווי ישוע המשיח. דעריבער, וואו איז יענע געבענטשטקייט
אייערע? וואָרים איך זאָג אייך עדות, אַז אויב מעגלעך, וואָלט
16 איר אַרויסגעריסן אייערע אויגן און זיי מיר געגעבן. צי בין
איך דעריבער געוואָרן אייער שונא מיט דעם זאָגן אייך דעם
17 אמת? זיי באַגערן אייך אייפֿעריק אויף ניט קיין גוטן אופֿן; יאָ,
זיי

18 זיי ווילן אייך אויסשליסן, כּדי איר זאָלט זיי באַגערן. עס איז
תָּמיד גוט אייפֿעריק געזוכט צו ווערן אין אַ גוטער זאַך, און ניט
19 נאָר בעת איך בין מיט אייך. קינדער מיינע, צוליב וועמען איך
בין ווידער אַמאָל אין וויַיען, ביז מָשיחַ וועט געפֿורעמט ווערן
20 אין אייך׳ איך וואָלט אָבער וועלן זיין אַנוועזנד מיט אייך אַצינד,
און צו בייטן מיין קול; וואָרים איך בין באַזאָרגט פֿונוועגן אייך.
21 זאָגט מיר, איר, וואָס באַגערט צו זיין אונטער דער תּורה, צי
22 טוט איר ניט הערן די תּורה? וואָרים עס שטייט געשריבן,
אַז אַבֿרָהם האָט געהאַט צוויי זין, איינעם פֿון דער דינסט, און
23 איינעם פֿון דעם פֿרייען ווייב. אָבער דער זון פֿון דער דינסט איז
געבוירן געוואָרן לויט דעם פֿלייש, און דער זון פֿון דעם פֿרייען
24 ווייב דורך דער הַבטָחה. די דאָזיקע זאַכן האָבן אין זיך אַ
מָשל: וואָרים די דאָזיקע ווייבער זענען גלייַך צוויי בונדן; איינעם
פֿון דעם באַרג סִינַי, וואָס געבערט קינדער פֿאַר קנעכטשאַפֿט,
25 דאָס איז הָגָר. און די דאָזיקע הָגָר איז דער באַרג סִינַי אין
אַראַביע, און איז געגליכן דער איצטיקער ירושָלַיִם, וואָרים זי
26 איז אין קנעכטשאַפֿט מיט אירע קינדער. אָבער די ירושָלַיִם
27 שֶל־מַעלה, איז פֿריי, און זי איז אונדזער מוטער. וואָרים עס
שטייט געשריבן: פֿריי דיך, דו עֲקָרה, וואָס האָסט ניט געבוירן,
שריי אויס און זינג, דו, וואָס האָסט ניט קיין וויַיען; וואָרים מערער
זענען די קינדער פֿון דער פֿאַרלאָזטער, ווי פֿון איר, וואָס איז
28 באַמאַנט. און מיר, ברידער, ווי יִצחָק, זענען קינדער פֿון דער
29 הַבטָחה. אָבער אַזוי ווי דעמאָלט, האָט דער, וואָס איז געבוירן
געוואָרן לויט דעם פֿלייש, גערודֶפֿט דעם, וואָס איז געבוירן
30 געוואָרן לויט דעם גייסט; אַזוי איז עס אויך אַצינד. אָבער וואָס
זאָגט דער פָּסוק? טרייב אַרויס די דינסט און איר זון; וואָרים
דער זון פֿון דער דינסט וועט ניט יַרשענען מיט דעם זון פֿון דעם
31 פֿרייען ווייב. דעריבער, ברידער, מיר זענען ניט קיין קינדער פֿון
אַ דינסט, נייערט פֿון דעם פֿרייען ווייב.
ה צו דער פֿרייַהייט האָט אונדז מָשיחַ פֿריי געמאַכט; שטייט

דעריבער פעסט, און טוט אייך ניט נאָכאַמאָל אונטערוואַרפן
2 אונטער אַן עול פון קנעכטשאַפט. אָט איך, פאָולוס, זאָג אייך,
אַז אויב איר וועט זיך מַל זיין, וועט אייך מָשיחַ גאָרניט נוצן.
3 יאָ, איך זאָג ווידער אַמאָל עֵדות יעדן מענטשן, וואָס לאָזט זיך
4 מַל זיין, אַז ער איז מחויב מקַיים צו זיין די גאַנצע תורה. איר
זענט אָפגעשניטן פון מָשיחַן, איר, וואָס ווילט גערעכטפאַרטיקט
ווערן דורך דער תורה; איר זענט אָפגעפאַלן פון דעם חֶסֶד.
5 וואָרים דורך דעם גייסט, און דורך אֱמונה, וואַרטן מיר אויף דער
6 האָפענונג פון רעכטפאַרטיקייט. וואָרים אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ מיינט
מִילה גאָרניט, אויך ניט עָרלה, נייערט אֱמונה, וואָס טוט ווירקן
7 דורך ליבע. איר זענט גוט געלאָפן. ווער האָט אייך געשטערט,
8 אַז איר זאָלט פאָלגן דעם אֱמת? די דאָזיקע איבעררעדונג איז
9 ניט פון אים, וואָס האָט אייך באַרופן. אַביסל חָמץ מאַכט זויער
10 דאָס גאַנצע טייג. איך בין בטוחַ פונוועגן אייך אין דעם האַר,
אַז איר וועט ניט האָבן קיין אַנדערע דֵעה; דער אָבער, וואָס
פאַרשאַפט אייַך צָרות, וועט קריגן זיין פסַק, ווער דאָס זאָל ניט
11 זיין. איך אָבער, ברידער, אויב איך זאָג נאָר אָן מִילה, פאַרוואָס
ווער איך נאָך גערודֶפט? דעמאָלט איז דער אֶבֶן־נֶגֶף פון דעם
12 צלָב בָטל געוואָרן. הַלוואַי זאָלן די, וואָס צערודערן אייך, זיך
13 אליין צעשניידן, וואָרים איר, ברידער, זענט באַרופן געוואָרן צו
פרייַהייט; נוצט אָבער ניט אייער פרייַהייט פאַר אַ געלעגנהייט
פון דעם פלייש; נייערט דורך ליבע דינט איינער דעם אַנדערן.
14 וואָרים די גאַנצע תורה ווערט מקוים אין איין וואָרט, דהַיינו: דו
15 זאָלסט ליב האָבן דיין חַבר ווי זיך אַליין. אויב אָבער איר בייסט
און פרעסט אויף איינער דעם אַנדערן, גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט
16 ניט פאַרשלינגען ווערן איינער פון דעם אַנדערן. איך זאָג אָבער:
לעבט אין דעם גייסט, און איר וועט ניט ממַלא זיין די תַאווה פון
17 דעם פלייש. וואָרים דאָס פלייש גלוסט להֵיפוך דעם גייסט, און
דער גייסט להֵיפוך דעם פלייש; וואָרים די דאָזיקע זענען להֵיפוך
איינער דעם אַנדערן, כדי איר זאָלט ניט קענען טאָן די זאַכן,
וואָס

18 וואָס איר ווילט וועלן. אויב אָבער איר ווערט געפֿירט פֿון דעם
19 גייסט, זענט איר ניט אונטער דער תּורה. און די מַעשׂים פֿון
דעם פֿלייש זענען אַנטפּלעקט, און זיי זענען: זנות, טומאה, תּאווה,
20 עֲבֿודה־זָרה, כּישוף, שׂנאה, קריג, אייפֿערזוכט, כַּעס, אייגן־ליבע,
21 מַחלוקות, כּיתּות, קִנאה, שיכּרות, פֿרעסערייַען, און כּדומה.
פֿונוועגן דעם וואָרען איך אייך פֿאָרויס, אַזוי ווי איך האָב אייך
שוין פֿריער געוואָרנט, אַז די, וואָס טוען אַזעלכע זאַכן, וועלן ניט
22 יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט. אָבער די פֿרוכט פֿון דעם גייסט
איז ליבע, פֿרייד, שָלום, סַבלָנות, פֿרייַנטלעכקייט, גוטסקייט,
23 געטרייַשאַפֿט, עֲניוות, צוריקגעהאַלטנקייט, קעגן אַזעלכע איז
24 ניטאָ קיין תּורה. און די, וואָס געהערן צו ישוּעַ המָשיחַ, האָבן
געקרייציקט דאָס פֿלייש מיט זייערע גלוסטיקייטן און תּאוות.
25 אויב מיר לעבן דורך דעם גייסט, לאָמיר אויך זיך אויפֿפֿירן לויט
26 דעם גייסט. לאָמיר ניט לויפֿן נאָך פּוסטן כָּבוד, צו דערצערענען
איינער דעם אַנדערן, און מקַנא זיין איינער דעם אַנדערן.
ו ברידער, אויב אַפֿילו אַ מענטש וועט געכאַפּט ווערן אין
עפּעס אַן עֲבֵירה, זאָלט איר, וואָס זענט גייַסטיקע, אַזאַ איינעם
צוריקשטעלן אין אַ גייסט פֿון איידלקייט. גיב אַכטונג אויף דער
2 אַליין, טאָמער וועסטו אויך געבראַכט ווערן צו אַ נסָיון. טראָגט
איינער דעם אַנדערנס לאַסטן, און אַזוי אַרום זייט מקַיים די תּורה
3 פֿון מָשיחַן. וואָרים אויב עמיצער רעכנט זיך צו זיין עפּעס, בעת
4 ער איז גאָרניט, נאַרט ער זיך אַליין אָפּ. זאָל אָבער יעדער
מענטש אויספּרוּאוון זיין אייגען ווערק, און דערנאָך זאָל ער קריגן
זיין לויב אין שייַכות מיט זיך אַליין, און ניט פֿון אַן אַנדערן.
5, 6 וואָרים יעדער איינער וועט טראָגן זיין אייגענע מַשׂא. זאָל דער,
וואָס ווערט געלערנט אין דעם וואָרט, זיך טיילן פֿון אַלעמגוטן
7 מיט דעם, וואָס לערנט אים. זייט ניט גענאַרט; גאָט לאָזט זיך ניט
אויסשפּעטן. וואָרים וואָס נאָר אַ מענטש זייט, דאָס וועט ער אויך
8 שניידן. וואָרים דער, וואָס זייט פֿאַר זיין אייגענעם פֿלייש, וועט
שניידן פֿון דעם פֿלייש פֿאַרדאַרבונג; דער אָבער, וואָס זייט פֿאַר
דעם

9 דעם גייסט, וועט שניידן פֿון דעם גייסט אייביק לעבן. און לאָמיר
ניט ווערן מיד אין טאָן גוטס; וואָרים אין דער געהעריקער צייט
10 וועלן מיר שניידן, אויב מיר וועלן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן. און
דעריבער, כּל־זמן מיר האָבן אַ געלעגנהייט, לאָמיר טאָן גוטס
צו אַלע מענטשן, און בפֿרט צו די, וואָס זענען פֿון דעם הויזגעזינד
11 פֿון דער אמונה. זעט מיט וואָסערע גרויסע אותיות איך שרייב:
12 איך מיט מיין אייגענער האַנט. אַלע, וואָס באַגערן צו באַשיינען
זיך אין דעם פֿלייש, צווינגען אייך געמלט צו ווערן, כּדי נאָר זיי
13 זאָלן ניט גערודפֿט ווערן צוליב דעם צלב פֿון משיחן. וואָרים
אַפֿילו די געמלטע אַליין היטן ניט אָפּ די תּורה; זיי ווילן נאָר,
אַז איר זאָלט זיך מל זיין, כּדי זיי זאָלן זיך רימען אין אייער
14 פֿלייש. אָבער איך חלילה וויל מיך ניט רימען, אַחוץ אין דעם
צלב פֿון אונדזער האַר ישוע המשיח, דורך וועמען די וועלט איז
15 געקרייציקט געוואָרן פֿאַר מיר, און איך פֿאַר דער וועלט. וואָרים
ניט מילה מיינט עפּעס, אויך ניט ערלה, נייערט אַ נייע בריאה.
16 און וויפֿל סע וועלן לעבן מיט דעם כּלל, זאָל אויף זיי זיין שלום,
17 און חסד, און אויף דעם ישׂראל פֿון גאָט. פֿון איצטמאָל־אָן זאָל
מיך קיינער ניט מטריח זיין; וואָרים איך טראָג אין מיין לייב די
18 סימנים פֿון ישוען. דער חסד פֿון אונדזער האַר ישוע המשיח זאָל
זיין מיט אייער גייסט, ברידער. אָמן.